**Digitales Brandenburg**

**hosted by Universitätsbibliothek Potsdam**

# Far folḳ un heymland

**Markiš, Perec D.**
**מאַרקיש, פּערעץ**

**Mosḳṿe, 1943**

מאָסקווע

**urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8230**

Visual Library

# מאטראָסנ

זיי זײַנענ אראָפּ אפנ טויטנ קרעשטשאַטיק,
די לײַבלעכ — אינ שטרײַפנ, די לײַבער — אינ בלוט;
אפּ יעדנ געקוקט האָבנ צוויי אווטאָמאַטנ,
אונ איינער האָט הינטנ באַגלייט דעמ מאַרשרוט.

געברוינט דורכ צעפּליקטע בושלאַטנ האָט בראָנזע,
אונ יעדער צעבלוטיקטער בײַל האָט דערציילט:
זיי האָבנ געשלאָגנ ביז לעצטנ פּאַטראָנ זיכ,
דערנאָכ מיט די נעגל, דערנאָכ מיט די ציינ.

דערנאָכ האָבנ טאַנקענ געלאָזט פונדאַמנטײַ זיכ,
אונ ווי אפּ א פעסטונג — צו יעדנ מאַטראָס;
אונ ענגער ארומ האָט פאַרצויגנ דער קרײַז זיכ,
נאָר קיינער פונ זיי האָט דאָס פעלד ניט פאַרלאָזט.

א קוק געטאָנ האָט מענ צולעצט אפנ דניעפּער,
צו אימ נאָכ א בראָכע געטאָנ זיכ א הויב;
געלעגנ איז ער אינ א בלוטיקנ נעפּל,
די כוואַליעס ווי קייטנ געקלונגענ פאַרטויבט.

געווענדט זייער בליק האָט צו אימ זיכ פונ ווײַט שוינ,
דער הימל געטוליעט זיכ ווי צו א וווּנד.
— זאָל קאַרג זײַנ דײַנ פּלוס-בעט פאַר בלוט פונ די דײַטשנ,
ניט קלעקנ פאַר זיי זאָל דײַנ קיִווערשער גרונט.

ניינ, ניט קיינ געפאַנגענע זײַנענ מאַטראָסנ
געגאַנגענ צו דעמ טויט פאַר דעמ לײַבלעכנ דניעפּ.
מיט דײַטשישע שאַרבנס געבעט אפנ גראָז זיכ
זיי האָבנ דעמ לעצטנ מאַרשרוט, ווי מיט טרעפּ.

זיי זײַנענ אראָפּ אפנ טויטנ קרעשטשאַטיק.
די לײַבער פאַרבלוטיקט אונ הוילע די פיס —
אנ אונטערגעשאָסענע אָדלערשע טשאַטע —
עס האָבנ די קיִעווער בערג זיי געגריסט.

פאַרוואַלגערט די גאַס איז אינ ציגל געלעגנ,
פונ אונטערגעבראָכענע הײַזער פאַרלאָזט,

דער טרויער פון שטאָט איז געגאַנגען ווי א רעגן,
פון צווישן דעם בראָכוואַרג געשפּאַרט האָט זיך גראָז.

ס׳וולאַדימירער בערגל ז׳איז בלוט אײַנגעריכט דאָרט,
און גרוי זײַנען ביימער פון שאַנד און פון צאַר —
ס׳צעפּליוכעטע גרינס איז ווי קעפּ פון געריכטע.
באַשאָטן מיט אַש איז א יעדער בולוואַר.

מאַרשירט דאָ זיי האָבן פון יאָמטעוו צו יאָמטעוו,
די ליִענטעס געפּלאַטערט מיט גאָלדענעם פלאַם;
עס האָט זיך די שטאָט זיי א פרײַע דערמאָנט דאָ,
אין צוויט א צעוויגטע, אַזוי ווי א יאַם.

און איינער דעם בליק דעם קאָנוואָיענעם מײַדנד,
געווענדעט זיך האָט צו מאַטראָסן: — בראַטווא!
געגאַנגען זאָל זײַן, ווי געגאַנגען מ׳איז מײַ דאָ!
און ס׳האָבן די קעפּ זיך א הייב געטאָן וואַך,

א ברען געטאָן האָבן אין בלוט די בושלאַטן,
פון אויגן פון טריבע רײַסט דורך זיך א שטראַל,
דערמונטערן זאָל זיך דער טויטער קרעשטשאַטיק,
און זאָל זיך דערמונטערן דער אַרסענאַל.

עס וועלן נאָך קומען מאַטראָסן פון צאָפן,
מאַטראָסן פון דאָרעם שוין אײַלן זיך, דניעפּ!
א ווינט איבער גאַסן איז איבערגעלאָפן,
א הייב האָבן ביימער געגעבן די קעפּ.

און ס׳קלאַפּן די טריט שוין. די רייען זיך ציִען.
און — אַקסל צו אַקסל, מאַטראָס צו מאַטראָס,
און ס׳גיט א צעגאָס זיך א ליד איבער קיִעוו:
צעוואָרפן דער יאַם האָט זיך ברייט... און — א שאָס

פון צוועלף פאַראַבעלומס געצילטע מיטאַמאָל...
מיט בלוט דאָס געזאַנג שוין אינײַנעם זיך צאַפּט;
נאָר ס׳האָט אײַנדערלופטן א שפּרונג געטאָן דאַמאָלט
אַף טויטן קרעשטשאַטיק דער דײַטשישער שטאַב.



21—2

און ווי דינאמיט אונטערלייגט האָט די ליד זיך —
ס'מאטראָסישע ליד—אין די וויַיטן דערהערט:
און ס'האָט דאָרט מיט האס און מיט צאָרן ווי בליצן
אים אופגעריסן די אוקראַיִנישע ערד.

———— ✶✦✶ ————

## דעם פארטיזאנס מוטער

זי האָט אין שטיבעלע אפ קיינעם ניט געווארט,
נאָר אין דער שטיל זיך איַינגעהערט אין טריט אין וויַיטע:
— צי ט'אָגן אייגענע פארביַי ערגעץ די וואך,
צי דער ניט-גוטער טראָגט דעם סוינע שוין פונסניַי דאָ?..

אין הימל הויך א שטערן ערגעץ פאלט.
זי וואָלט די הארציקע דערקאָנט דאָרט אלע לויט די שאָטנס;
ניט וויַיט פונדאנ, פארטיַיעטע אין וואלד,
האָבן זיי אויסשפירן דעם פיַינט בא וועגן זיך צעשאָטן.

זיי שלאָפן ניט. זיי שליַיפן שארף די שווערד.
באצאָלן דארפן זיי פאר בלוט און היים צעשטערטער:
עס שלאָפט ניט רוסלאנד שוין אזויפיל נעכט,
קיין אויג מאכט זיך ניט צו בא זיַינע זין און טעכטער.

זי ווייסט, די אלטינקע, זי ווייסט — נאָר ניט קיין טרער
זיך ריַיסט פון הארץ דורך אירע אלטע אויגן;
אליין האָט זי בא אירע זין געבענטשט ס'געווער,
אליין די רימענס אפ די לענדן שטיַיף בא זיי פארצויגן,

און יעדערן פון זיי ארומגענומען צארט,
זיך אָנטאָן אלע זיי געהייסן ווארעם:
— דער וואלד וועט א געטריַיע היים איַיך זיַין באנאכט,
די נאכט געטריַי וועט איַיך פארשטעלן פאר געפארן!

און דריַי מאָל אָנגעזאָגט זיי בא דער שוועל
און באם אוועקגיין — דריַי מאָל זיי איבערגעציילעמט:
— זאָל איַיך אין נויט באשיצן דאָס געטריַיע פעלד,
זאָל אומעטום פון איַיך דער גוטער שפרוך דערציילן!